בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' | פ' שופטים | כ"ט אב | תשע"א | פסחים: צ.

# באריכט:

## הודו לה'... אשר גאלם מיד צר...

"תפילות ישראל עושה רושם" איז געווען דער אויסרוף פון טויזענטער אידן אחב"י וועלכע האבן מיט גאהר פרייליכע הערצער אויפגענומען די פריידיגע בשורה וועלכער האט דערגרייכט במשך די פריע נאכט שטונדן אין ניו יארק, און איבער די גאנצע וועלט, אז הב' יואל זאב בן מירל ריסא חוה גאלדשטיין נ"ו, וועלכער שמאכטעט אין יאפאנעזער טורמע שוין עטליכע יאהר, איז ב"ה געפונען געווארן אומשולדיג אינעם געריכט וועלכער האט אים תיכף באפרייט!

*-מי חכם... ויתבוננו חסדי ה'-*

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ג', ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר חיים יחזקאל ווערצבערגער שליט"א ר"מ בישיבתיה"ק קרית יואל.

פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' חיים בנימין כהנא הי"ו ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל, דערנאך איז דער רבי שליט"א געגאנגען צום ביהמ"ד אוהל פיגא ווי עס איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' ליפא דרעזנער הי"ו פון קרית יואל.

## מרן רבינו שליט"א באזוכט אין מחנות הקיץ דישיבתינו הקדושות

אין די מיטאג שטונדן איז דער רבי שליט"א אנגעקומען אין מחנה ישיבת מבצר התורה אין ליבערטי צו די שמחת החאלאקע ביי נכדו הילד יקותיאל יהודה בן בנו הגה"צ ר' חיים צבי שליט"א אב"ד סיגוט ור"מ בישיבה.

צום ערשט איז דער רבי שליט"א אריבער געגאנגען צום זוממער וואוינונג פון הגה"צ חיים הערש שליט"א ווי עס איז פאהרגעקומען דער אפשערן אינאיינעם מיט'ן מחותן הגה"צ ר' ליפא טייטלבוים שליט"א און עטליכע בני משפחה.

דערנאך איז דער רבי שליט"א ערשינען אין ביהמ"ד פונעם קעמפ ווי דער רבי שליט"א האט א לענגערע צייט זיך אומגעקוקט צווישן די תלמידי הישיבה בשעת'ן לערנען און דערביי זיי פארהערט אין די לימודים.

דערנאך איז פאהרגעקומען דער חדר פירן אינאיינעם מיט א טייל פון די תלמידי הת"ת פון קרית ברך משה – וואדבאורן, וועלכע זענען ספעציעל אריבער געקומען לכבוד די שמחה בבית מרן רבינו שליט"א, ווי מען האט געזאגט די א' ב' כנהוג און דערנאך האט דער רבי שליט"א מאציל געווען ברכת קדשו.

פון דארט איז דער רבי שליט"א צוריק געגאנגען אין ביהמ"ד צו אמירת יו"כ קטן אינאיינעם מיט די בחורים שיחיו ווי עס איז אויך אנוועזנד געווען הגה"צ אב"ד כונת הלב שליט"א וועלכער ווילט אינעם קעמפ אויפן זוממער.

נאך יו"כ קטן זענען די בחורי הישיבה אדורכגעגאנגען שלום נעמען פון מרן רבינו שליט"א.

דערנאך איז דער רבי שליט"א אריבער אויף א באזוך צום כונת הלב רב שליט"א ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א הערליכער שמועס בדברי תורה ועוד.

פון דארט איז דער רבי שליט"א אריבער צום מסיבת לחיים מיט די בחורים וואס איז פאהרגעקומען אין ביהמ"ד ווי עס האט אויפגעטרעטן הגה"צ ר' חיים הערש שליט"א, דער מנהל הר"ר נטע מאשקאוויטש שליט"א, און דערנאך דער מחותן הגה"צ ר' ליפא טייטלבוים שליט"א לרגל די שמחה, און דערנאך האט מרן רבינו שליט"א משמיע געווען דברות קודש.

❧•☙

דאן האט דער רבי שליט"א פארלאזט מחנה ישיבת מבצר התורה אויפן וועג צו מחנה ישיבה לצעירים וויליאמסבורג וועלכעס איז נישט ווייט פון דארט, ווי דער רבי שליט"א האט אויך דארט זיך אומגעקוקט ביי די לימודים פון די חשובע בחורים שיחיו און דאן קובע מזוזה געווען אויפן היכל הביהמ"ד און דערנאך איז פאהרגעקומען דער מסיבת לחיים.

אויך האט דער רבי שליט"א באזוכט דעם נייעם זוומער וואוינונג פון בנו הגה"צ אב"ד דקהלתינו וויליאמסבורג שליט"א וועלכער איז געבויעט געווארן דורך הרבני הנגיד מוה"ר אברהם בראך הי"ו פון וויליאמסבורג.

❧•☙

## הרחבת גבולי הקדושה אינערהאלב מוסדותינו הק' אין באָראָ פאַרק

אין די פאַרלאָפענע זומער-חדשים ווען טויזנטער משפחות האָבן געווילט אויף פאַרשידענע אָפּרוה-ערטער איבער די קעטסקילס, האָבן די געטרייע חברי הנהלה און מיטאַרבעטער פון די סאַטמאַרער מוסדות אין באָראָ פאַרק אין שפּיץ פונעם ענערגישער איש חי ורב פעלים, הרה"ח ר' אהרן וועלץ הי"ו מנכ"ל המוסדות אויסגענוצט די צייט אויף צוצובויען און רענאָווירן די בניני המוסדות, ווי עס האָט זיך אויסגעפעלט צו קענען אַקאָמאַדירן די טויזנטער תלמידים ותלמידות שיחיו גלייך ווי מ'קומט אָן אַהיים פון די קאָנטריס.

אינעם בנין התלמוד תורה אויף פט. העלמיטאן עוו. ווי עס לערנען די יונגע תלמידים פון נוירסערי ביז כתה ו' איז דער בנין איז שוין לאַנג צר מהכיל די פילע תלמידים, און שוין פאַרגאַנגענעם יאָר האָט מען געדאַרפט צובויען דריי נייע חדרים כדי צו לינדערן דעם מאַנגל אין פלאַץ בעזהשי"ת. דאָס וואָס איז פאַראַיאָר גענוג געווען איז היי-יאָר שוין ווייט נישט גענוג, און איבערן זומער האָט מען דאָס יאָר ווייטער צוגעבויט נאָך דריי קלאַסן כדי צו קענען נאָכקומען דעם כסדר'דיגן וואוקס פון פרישע תלמידים שיחיו.

אויסער דעם איז דער גאַנצער בנין פריש-איבערגעפּעינט געוואָרן, און מ'האָט געקויפט און אַריינגעשטעלט נייע שענק אין אַלע חדרים, נאָכדעם וואָס די ביז-איצטיגע זענען שוין אפגעדינט און אויסגענוצט געוואָרן פון אַזויפיל יאָרן.

דער בנין התלמוד תורה אויף די 53'סטע סט. איז געגצליך איבערגעבויט געוואָרן, אַזוי אַז ווען די קינדער שיחיו וועלן אי"ה צוריק אָנהייבן צו לערנען אין דעם בנין, עס גענצליך נישט דערקענען מיט איר אויפגעפרישטן און ליכטיגן אויסזען.

אויך אין דעם בנין הערשט א מאַנגל אין פּלאַץ, און מ'האָט צוגעבויט דריי נייע חדרים כדי צו קענען אַקאָמאַדירן די פרישע תלמידים שיחיו. אויסער דעם איז דער גאַנצער בנין איבערגעפּעינט געוואָרן, אַלע טירן פונעם גאַנצן בנין זענען געטוישט געוואָרן אויף גענצליך-נייע, אַלע לעקטערס האָט מען געטוישט אויף פרישע-מער ליכטיגע, אַלע חדרים זענען אויסגעשטאַט געוואָרן מיט נייע טישן און בענק, און אַזוי האָט מען דאָרט דורכגעפירט נאָך פאַרשידענע וויכטיגע רענאָוואַציע אַרבעט וואָס האָט זיך אויסגעפעלט אַהערצושטעלן דעם בנין אַז עס זאָל זיין גרייט פאַר די טייערע תלמידים שיחיו.

אינעם גיגאַנטישן בנין "בית רחל" איז אויך אַריינגעלייגט געוואָרן גרויסע כוחות צו רענאָווירן פאַרשידענע איינריכטונגען וואָס האָט זיך שוין אויסגעפעלט. די גאַנצע אָפּטיילונג וואָס איז אָפּגעטיילט פאַר די 12טע קלאַס פון די בית רחל איז הערליכע רענאָווירט געוואָרן. מ'האָט גענצליך איבערגעבויט די קלאַסן, און אַריינגעלייגט אַסאַך כוחות אַז עס זאָל זיין באַקוועם און צוגעפּאַסט פאַר די תלמידות פון דעם עלטער.

אַראָפּ אויף די גאַנץ אונטערשטע שטאָק פון דעם בנין, איז דאָרט סטאַנצאַירט די צענטראַלע "קיך" וואו מ'קאָכט און מ'שטעלט צו די טויזנטער נאַרהאַפטיגע מאָלצייטן פאַר אַלע תלמידים ותלמידות פון די מוסדות. די קיך איז אויך הערליך איבערגעבויט געוואָרן. אַלטע איינריכטונגען וואָס זענען שוין נישט אין באַנוץ, זענען אַרויסגענומען געוואָרן און פרישע נייע און מער-צוגעפּאַסטע זענען אַריינגעלייגט געוואָרן, און די קיך איז פריש-אויסגעשטאַט געוואָרן מיט א צאָל וויכטיגע מאַשינען און כלים וואָס פעלט זיך אויס ביים אָנפירן אַזאַ מעכטיגע אַפּאַראַט וואו קאָכן און שיקן די פרישטאָגס און מיטאגס צו אַלע בנינים פון די הייליגע מוסדות.

עקסטער איז איבערן זומער דורכגעפירט געוואָרן א גרויסער "גארבידש פּראָיעקט" כדי צו קענען פּראָצעסירן די פילע הויפנס מיט מוסט וואָס קומען כסדר אַרויס פון דעם בנין, פון די צענטראַלע קיך און בכלל פון די אַזויפיל טויזנטער תלמידות כ"י וואָס לערנען אין דעם בנין. דאָס אַליינס האָט עקסטער אָפּגעקאָסט שווערע טויזנטער דאָלאַרן, אַלעס כדי צו עלעמינירן פאַרשידענע פּראָבלעמען וואָס האָט זיך געשאַפן אין עבר.

מיר האפן בעזהשי"ת אין די נאהנטע טעג צו ברענגען א רייע מיט בילדער פון די פארשידענע קאסטבארע דערמאנטע פראיעקטן.

אויך זענען אַריינגעלייגט געוואָרן גרויסע כוחות ביי די טראַנספּאָרטאַציע אָפּטיילונג פון די מוסדות, צו פאַרזיכערן בעזהשי"ת אַז די מיטאַרבעטער אין דעם אָפּטיילונג האָבן די מעגליכקייט אָנצופירן מיט אַזאַ פאַרצווייגטע אונטערנעמונג מיט די צוגעפּאַסטע איינריכטונגען.

היי-יאָר האָט די טראַנספּאָרטאַציע-אָפּטיילונג פּריש אַריינגעלייגט כוחות מסדר צו זיין נאָך באַס-רוטס וואָס האָט זיך אויסגעפּעלט ביי די קינדער שיחיו, און עס זענען איינגעקויפט געוואָרן 4 שפּאָגל-נייע באַסעס, ברענגענדיג די פלאָטע פון באַסעס צו א סך הכל פון 27 באַסעס, אלעס כדי צו קענען אַלעס מסדר זיין על צד היותר טוב.

גלייכצייטיג איז דער צענטראַלער אָפיס פון "טראַנספּאָרטאַציע" אַריבערגעפירט געוואָרן צו א נייעם פיל-גרעסערער לאָקאַל אינעם בנין אויף די 14טע עוו. דער נייער אָפיס איז אויסגעשטאַט מיט אַלע נויטיגע איינריכטונגען, נייע און אַלטע, וואָס נאָר עס האָט זיך אויסגעפעלט כדי צו קענען אָנפירן מיט אַזאַ אחריות'דיגע תפקיד פון פירן און ברענגן אַזויפיל טויזנטער תלמידים ותלמידות יחיו אויפ'ן זיכערסטן און צוגענגליכסטן פאַרנעם וואָס נאָר שייך בעזהשי"ת.

אויך דאָס יאָר האָט די טראַנספּאָרטאַציע אָנגעהאַלטן דאָס אויפנעמען דרייווערס היימישע חסידישע אינגעלייט וועלכע געבן זיך אָפּ מיט זייער אַרבעט מיט אחריות און געפיל, און אָפּגעזען פון די העכערע קאָסטן מיט וואָס דאָס איז פאַרבינדן, ווערט דאָס אַלעס דורכגעפירט פאַר'ן תועלת פון די תלמידים ותלמידות שיחיו.

די תלמידים וואָס זענען פאַרבליבן איבערן זומער אין די שטאָט געניסן שוין פון די פרישע אַרבעט, און די תלמידים וואָס וועלן אין די נאָענטע טעג זיך אומקערן אַהיים פון די קעמפּס און קאָנטריס וועלן אי"ה גלייך ביים אָנהייבן דעם נייעם יאָר שוין געניסן פון דעם געוואַלדיגן הרחבת הדעת וואָס די נייע איינריכטונגען ברענגען, אַדאַנק די כוחות און געלטער וואָס די הנהלה האָט זיך געלאָזט קאָסטן איבערן זומער פאַר זייער תכלית און תועלת.

***-מחיל אל חיל-***

## קהלתינו הק' אין בני ברק אין גרויס שפאנונג און התרגשות דקדושה צום געהויבענעם "שבת התאחדות" אין את"ק מירון יע"א

**אין שפיץ פונעם געהויבענעם גאסט הגה"צ אב"ד קהלתינו וויליאמסבורג שליט"א און הגה"צ ראש ישיבת מהרי"ט שליט"א**

אין די איצטיגע טעג הערשט אינערהאלב די סאטמארער שיכון קרית יואל אין ב"ב אַ געהויבענע שטימונג און התרגשות דקדושה, די ציבור ערווארטעט די גרויסער "שבת התאחדות" דקהל יטב לב ד'סאטמאר וועלכע וועט אפגעראכטן ווערן ברוב עם הדרת מלך מיט גרויס התעוררות און התרוממות הנפש היינטיגן שב"ק פרשת שופטים אין אתרא קדישא מירון יע"א, נעבן די ציון המצויינת קודש הקדשים פון התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי זיעועכי"א.

אַ שטאב פון צענדליגע ענערגישע און פעהיגע עסקני בית סאטמאר-בני ברק אונטער'ן נאמען "וועד שבת מירון" גיבן זיך אפ שוין לאנגע טעג און נעכט מיט אוממידליכע כוחות אויסצוארבעטן אלע דעטאלן פון דעם גרויסן שבת, עס איז פאראַן אַן עקסטערן אפטיילונג וואס גיבן זיך אפ מיט צורישן די הונדערטער אכסניות אז כל אחד על מקומו יבוא בשלום, אַן עקסטערן אפטיילונג גיבן זיך אפ מיט צושטעלן און מסדר זיין די טראנספארטאציע צו פיהרן דעם עולם קיין מירון, און אַ באזונדערע שטאב גרייטן צו די טויזנטער פארציאנען אויף די אלע סעודות שבת, ווי אויך וועט ערשינען לכבוד דעם שבת התאחדות אַ פארגעסערטן אינהאלטסרייכע

גליון "קול התאחדותינו" מלא וגדוש בתורה וחסידות בעניני שב"ק און בעניני רשב"י.

אַ באזונדערע עבודת הקודש ווערט ארייגעלייגט אין ארגאניזירן אן עקסטערן סדר השב"ק פאר די הונדערטער תינוקות של בית רבן תלמידי הת"ת וועלכע וועלן אפרעכטן דעם שב"ק אין מירון אונטערן פולן אויפזוכט פון מחנכים און משגיחים, עס איז פאר זיי צוגעגרייט אַ רייכן פראגראם וואס וועט זיי געבן חשק און התעוררות אפצורעכטן די תפילות און סעודות שבת מיטן פולסטן ערנסקייט.

בלייבט איבער צו וואונטשן פאר די קהילה נאה וחסודה זיי זאלן זוכה זיין אפצורעכטן דעם שבת התאחדות ברוב פאר והדר מיט גרויס התרוממות און התעוררות און זאלן פועל'ן פאר זיי און פאר גאנץ כלל ישראל בכל מקומות מושבותיהם אַ כתיבה וחתימה טובה מיט בשורות טובות ישועות ונחמות.

***-כדאי הוא ר"ש לסמוך עליו-***

היינט נאכט וועט זיך אי"ה דער רבי שליט"א פערזענליך באטייליגן ביי מסיבה לטובת דעם וויכטיגן מוסד "רב טוב" וועלכע'ס קומט פאהר אין שטוב פון הרה"ח מוה"ר אברהם ווידער הי"ו ראה"ק וראש העיר ד'קרית יואל, אויף 2 פילמאר קט.

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**